להלים ע' 199) "אז דאס וואס עס קען אויפטאן א חסידישער פארברייינגען קען מלאך מיכאל ניט אויפטאן", און ער האט דאס מבאר געווען מיט א משל אז בשעת דער אב קוקט זיך צו "בארחות חיי ילדיו" און ער זעט אז זיי פירן זיך בהנהגה טובה וכו' פועל'ט דאס א נחת רוח, און ער איז מקיים משאלותיהם וכו' -

נאך מער: אז ווען שב"ק איז "מחר חדש" פועל'ט ר"ח אויך אויף שבת אז מען זאגט ניט קיין צו"צ, ד.ה. אז מ'דארף ניט זאגן צו"צ, ווייל'ע אלע ענינים פון התחנון וכו' טוען זיך אויף אן דעם, און וויבאלד אז מ'דארף ניט זאגן צו"צ, טער מען ניט זאגן צו"צ, וואס דא זעט מען אז דער ענין הברכה פועל'ט גלייך נאך אין שבת.

און וויבאלד אז ער זעט דאס בהנוגע צו "מחר חדש" איז דאס א געגוגער הסבר פאר אים, און ער דארף דאס ניט זען בכל ענין, ובכל זמן. ע"ד ווי דער ענין פון ירידה גשמים, אז דער גשם איז יורד, און נאכדעם איז זורח השמש - און דער גשם ווערט נפסק, אעפי"כ ווייס ער אז דער גשם איז ירד, עד"ז איז אויך בהנוגע לענינינו אז וויבאלד אז ער זעט דאס אין דעם ענין פון "מחר חדש" פארשטייט ער דערפון אז אזוי איז אויך בהנוגע צו כללות התורה ומצותי'.

אעפ"י אז ער פילט ניט דאס וואס ווערט אויפגעטאן דורך קיום המצוה, בשעת ער נעמט א לולב פילט ער ניט די אלע המשכות וואס ווערן דורך דערויף נמשך, און עד"ז בהנוגע צו שבת און פסח וכו' - אעפי"כ ווייס ער אבער אז די ענינים טוען זיך אויף.

ובמבואר אין תניא (פמ"ו) "וז"ש אסף ברוח הקודש בעד כל כנסת ישראל שבגולה ואני בער ולא אדע בהמות הייתי עמך ואני תמיד עמך, כלומר שאעפ"י שאני בבהמה בהיותי עמך ולא אדע ולא ארגיש... אעפי"כ ואני תמיד עמך", ד.ה. אז אעפ"י אז ער פילט ניט וואס ווערט אויפגעטאן דורך קיום המצוה, וואס דער טעם אויף דעם איז, ווי ער זאגט דארטן, ווייל'ע "כנסת ישראל שבגולה", ד.ה. אז דאס איז דער ענין הגלות, וואס דער אויבערשטער האט געמאכט אז ער זאל ניט מרגיש זיין די אלע גילוים וואס טוען זיך אויף דורך קיום המצוה, אעפי"כ איז "ואני תמיד עמך",

וואס דאס גיט א חיות אין זיין עבודה, און פועל'ט אויך אויף א זולת, דורך דערויף וואס ער איז דאס מסביר מיט דברים היוצאים מן הלב, איז נכנסים אל הלב ופועלים פעולתם, און ער ווייזט אויך א דוגמא חי', און מיט דעמפולט ווערט נצטרף די עבודה פון אלעמען, להקב"ה - צור לבבי וחלקי, און ס'ווערט דער כאילו פדאני לי ולבני מבין או"ה - און א ב"ה הדמיון, בקריב ממש בביאת משיח צדקנו.

ד. מאמר (בעין שיחה) עה"פ ועבדתם את ה' אלקיכם וגו'.

ה. כרגיל צו אפלערנען איצטער א פירש"י. וועט מען זיך שטעלן אויף א פירש"י אויף דעם ערשטן דין אין פ' משפטים - וואס דאס איז "עבד עברי".

רש"י שטעלט זיך אויף דעם פסוק "כי תקנה עבד עברי" און זאגט "עבד שהוא עברי וכו'" (כדלקמן), און דערנאך שטעלט ער זיך אין א צווייטן ד"ה אויף "כי תקנה וכו'".

- וואס -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

וואס דער מקור פון פירש"י איז אין מכילתא (עה"פ), איז נוסף אויף דעם וואס רש"י איז משנה מלשון המכילתא בכ"מ, דארף מען אויך פארשטיין בכללות פירש"י זה:

ענינו פון פירוש רש"י איז דאך ניט אויף מעתיק צו זיין מדרשים וכו׳; רש"י איז אויך ניט קיין פוסק וואס ענינו איז צו שרייבן פסקי דינים - נאר ענינו איז, ווי ער אליין זאגט בכ"מ (נסמן בלקו"ש ח"ה ע׳ 1 הערה 1), אז לא באתי אלא לפשש"כ, ד.ה. אז אלץ וואס איז ניט נוגע אין פשש"מ ברייגגט רש"י ניט.

ולאידך גיסא איז מובן, אז אלע ענינים וואס פאדערן ביאור אין פשש"מ איז רש"י מבאר - וכמובן דערפון וואס בכ"מ שרייבט ער לא ידעתי (נסמן שם בשוה"ג להערה 2), ד.ה. אז א חוץ די מקומות איז רש"י מבאר בכל מקום אלע ענינים. און אויב מ׳זעט דאס ניט בפירש"י במקומו, איז מוכח אז ער פארלאזט זיך אויף דעם וואס ער האט שוין פריער געשריבן, אדער ווילע דער תירוץ אויף דער שאלה איז אזוי פשוט אז דער בן חמש למקרא וועט זיך אויף דעם אליין כאפן דורך מעיין זיין אין פסוק וכו׳.

ולפי"ז ווערט הכוה פארוואס איז רש"י ניט מבאר בא דין עבד עברי א שאלה וואס כמה מפרשים, דער רמב"ן, דער אב"ע וכו׳ מאטערן זיך אויף איר:

פארוואס איז דער ערשטער דין וואס שטייט אין תורה נאך פ׳ יתרו, די סדרה וועלכע רעדט וועגן מ"ת - דער דין פון עבד עברי, וואס די גאנצע מציאות פון א עבד עברי איז דאך א דבר בלתי רגיל;

פריער דארף ער גנב׳נען; דערנאך דארף מען אים כאפן; דערנאך ברייגגט מען אים צום ב"ד; דערנאך גיט דער ב"ד ארויס דעם פס"ד אז ער דארף צאלן כפל - און ערשט דערנאך, אויב ער האט ניט קיין געלט וכו׳, פארקויפט מען אים און דעמולט איז דא דער דין פון עבד עברי - "כי תקנה וגו׳", איז דאך דאס א דבר בלתי רגיל כו׳,

איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס איז דאס דער ערשטער דין נאך מ"ה, ובפרט אז דאס איז א ענין של פורענות, ולכאורה האט דער ערשטער דין געדארפט זיין אין א ענין רגיל, וואס איז גלייך נוגע, און ניט אין דעם ענין פון עבד עברי. ובפרט אז דעמולט איז מען דאך געשטאנען גלייך נאך מ"ת, האט מען דאך ניט קיין שייכות מיט עבדות, א איד דארף זיין א בן חורין - און רש"י שטעלט זיך גארניט אויף דער שאלה?

מ׳קען ניט זאגן אז רש"י פארלאזט זיך אויף׳ן בן חמש, אז ער וועט דאס אליין פארשטיין, ווארום, מ׳זעט דאך אז דער רמב"ן און אב"ע מאטערן זיך אויף דעם, און יעדערער זאגט אן אנדער ביאור כו׳, איז ווי קען מען זאגן אז דער בן חמש למקרא פארשטייט, און דער רמב"ן און אב"ע מאטערן זיך אויף דערויף!?

דערנאך אין פירוש רש"י גופא איז אויך פאראן כמה דיוקים:

א) רש"י איז דא אויסן בפירושו, מבאר זיין די ווערטער "עבד עברי", אז דאס מיינט "עבד שהוא עברי כו׳", איז פארוואס איז ער מעתיק פון פסוק אויך די ווערטער "כי תקנה"?

עס זיינען פאראן מפרשים וואס זאגן, אז דאס וואס רש"י איז מעתיק די ווערטער "כי תקנה", איז דאס ווילע פון די ווערטער "כי תקנה" איז דער הכרח, אז דא רעדט זיך וועגן א "עבד שהוא עברי", ווארום לכאורה האט געדארפט שטיין אין פסוק דער לשון "כי ימכר", און

- וויבאלד -

<u>הנחה הה׳ בלתי מוגה</u>

וויבאלד אז אין פסוק שטייט "כי הקנה", איז דערפון משמע אז "מכרוהו ב"ד", און וויבאלד אז "מכרוהו ב"ד" איז מוכרח, אז דא רעדט זיך וועגן א "עבד שהוא עברי" און דערפאר דארף רש"י מעתיק זיין די ווערטער "כי תקנה" - מ'קען אבער אזוי ניט זאגן: ווײַלע (חסר הענין).

וכמדובר כמ"פ אז רש"י איז מעתיק פון פסוק בלויז די ווערטער וואס זיי איז ער מפרש, און ווי מ'זעט דאס אויך בפסוק זה, אין רש"י'ס צווייטן ד"ה, וואס רש"י איז דארט מעתיק בלויז די ווערטער "כי הקנה" - ווײַלע ער איז מפרש נאר די ווערטער "כי הקנה", איז עד"ז אויך אין ערשטן ד"ה האט רש"י געדארפט מעתיק זיין פון פסוק נאר די ווערטער "עבד עברי" ווײַלע דאס איז ער מפרש כנ"ל.

ב) רש"י זאגט אז "עבד עברי" מיינט " עבד שהוא עברי", ולכאורה איז ניט מובן וואס איז דא רש"י'ס חידוש: ס'איז דאך א דבר הפשוט אז עבד עברי מיינט אז דער עבד אליין איז א עברי, און פארוואס זאל דעם בן חמש למקרא אײַנפאלן צו זאגן אז "אינו אלא עבדו של עברי כו'" - און ווי ער האט שוין געלערנט פריער (מקץ מא, יב) אז יוסף איז געווען א "נער עברי" - וואס דא איז מוכרח צו מפרש זיין אז דער נער אליין איז אן עברי, איז עד"ז איז דא אויך מובן אז דער פי' איז "עבד שהוא עברי", איז וואס איז דא רש"י'ס חידוש?

נאכמער: בשעת מ'גיט א קוק שפעטער אין הנ"ך, - וואס אעפ"י אז דער בן חמש למקרא האט דאס נאך ניט געלערנט האט דאך דאס רש"י יע געלערנט, און רש"י ברענגט דאך אויך בכ"מ בפירושו ראיה פון שפעטערדיקע פסוקים אין תנ"ך - זעט מען נאך ככה הוכחות אז דער פירוש הפשוט פון עבד עברי איז, עבד שהוא עברי:

די ערשטע ראי' איז פון דה"י (א. ב, לד), וואס דארטן שטייט: "ולששן עבד מצרי", וואס דארטן איז גאר מוכרח צו זאגן אז "עבד מצרי" מיינט - עבד שהוא מצרי, און ניט עבדו של מצרי, ווארום ששן איז דאך געווען א איד.

עד"ז איז דא נאך פריער אין תנ"ך א ראי' לצד השלילה, אז מ'קען ניט זאגן אז עבד עברי מיינט עבדו של עברי, וואס דאס איז אין שמואל (א ל, יג) וואס דארטן שטייט דער לשון "עבד לאיש העמלקי" - וואס דערפון איז מוכרח אז בשעה מ'וויל זאגן "עבדו של כו'" שרייבט מען "עבד לאיש גו'", ווארום אויב ניט וואלט דאך געדארפט שטיין: "עבד העמלקי".

וואס פון דעם אלעם איז מובן אז עבד עברי מיינט עבד שהוא עברי - ולפי"ז דארף מען פארשטיין וואס איז דא רש"י מחדש; מהיכי תיתי צו זאגן אז "אינו אלא עבדו של עברי"?

ג) רש"י זאגט: "או אינו אלא עבדו של עברי, עבד כנעני שלקחתו מישראל", ד.ה. אז דוקא אויף אים זאגט מען שש שנים יעבוד -

וואס דאס איז אינגאנצן ניט מובן: ווי קען מען דאס זאגן, אז א עבד כנעני איז יוצא בשש, און א איד ניט?!

ד) דערנאך איז רש"י ממשיך: "ובה אני מקיים והתנחלתם וכו'", דארף מען אין דערויף פארשטיין:

פארוואס באווארנט דא רש"י א קשיא וואס בא א בן חמש למקרא וועט זי גאר ניט אײַנפאלן; ער - דער בן חמש למקרא - האט נאך ניט געלערנט דעם דין פון והתנחלתם כו' (בהר כה, מו), האט דאך רש"י געקענט משמיט זיין דעם גאנצן שטיקל, און שרייבן גלייך נאך "או אינו

- אלא -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

אלא כו׳", "ת"ל כי ימכר כו׳"?

עד"ז אין דעם צווייטן ד"ה פון רש"י זיינען פאראן כמה דיוקים וכפי שיתבאר לקמן די ביאורים וואס מ׳קען זאגן אין רש"י, וכמדובר כמ"פ אז דאס דארף אלץ זיין פארשטאנדיק פאר א בן חמש למקרא גלייך פון פירש"י, און ער דארף ניט אנקומען צום שפתי חכמים וכו׳ וכפי שיתבאר לקמן.

בנוגע צו די הערות אויף׳ן זהר, שטעלט ער זיך אויף דעם וואס ער איז מבאר אין זהר (קכה, ב) בנוגע דעם איסור פון בשר בחלב, אז ס׳קען זיין דערפון א יניקה צו לעו"ז וכו׳, וזש"ה גדי בחלב אמו, אז גדי גייט אויף עשיו וואס ער איז א איש שעיר און ער איז יונק פון חלב אמו, פון קדושה וכו׳.

איז ער מבאר אין דער הערה (ע׳ פ"ט) אז דער טעם האיסור איז, ווייל בשר איז גבורות ולכן איז צבעו אדום, כשא"כ חלב איז חסד, ולכן איז צבעו לבן, און וויבאלד אז דאס איז גבורה און דאס איז חסד, טאר מען דאס ניט מערב זיין, ווייל דורך דעם איז מען מבלבל די סדרי הבריאה.

ועד"ז - איז ער מבאר אין דער הערה - איז דאס אויך אין אלע איסורי כלאים. למשל: כלאי בגדים - שעטנז, וואס מ׳איז מערב צמר מיט פשתים, וואס צמר איז חסדים און פשתים איז גבורות כו׳, ולכן טאר מען זיי ניט מערב זיין; עד"ז בנוגע כלאי בהמה - שור וחמור יחדיו; ועד"ז בנוגע צו כלאי הכרם אז ער איז זורע א חטה ושעורה וחרצן צוזאמען, נעמט ער באזונדערע מינים און מאכט פון זיי א מין חדש, וואס דאס איז א בלבול בסדרי הבריאה.

דערנאך איז ער מסיים אין דער הערה אז אין קדושה געפינט מען יע, עס זאל זיין דער ענין.

דארף מען פארשטיין:

א) לכאורה, וויבאלד אז עד איז מבאר אז דער ענין איז ניט קיין דבר רצוי, מבלבל זיין סדרי הבריאה, איז פארוואס געפינט מען אין קדושה יע דעם ענין?

ב) לכאורה דער ענין פון עירוב פון חסדים און גבורות איז גאר א א ענין גדול כמבואר בכ"מ די מעלה פון ספירה התפארת, וואס ענינה איז דאך ההכללות חסדים וגבורות, און דאס איז אויך וואס ס׳שטייט עושה שלום במרומיו - מיכאל שר של מים (תנחומא ויגש ו.) - אדער של שלג (במ"ר יב, י. דב"ר ה, יב) (כהגרסאות בזה) - וגבריאל שר של אש, ואין מכבין זל"ז, איז דאך דער ענין פון חסדים און גבורות גאר א גרויסע מעלה?

נאכמער: די מעלה פון ספירת התפארת רעדט זיך ניט נאר בנוגע למעלה, נאר אויך דא למטה בהנהגה האדם, ברייננט מען דאך בכ"מ דעם רמב"ם (הל׳ דעות פ"א ה"ד) אז ס׳דארף זיין די הנהגה בדרך המיצוע. ואל יהי אדם קשה כארז - מדות דתוהו - אלא רך כקנה - מדות דתיקון, וואס ענינם איז דאך התכללות הגבורות בחסדים. און מ׳ברייננגט אויך דעם מאמר המשנה (אבות פ"ב מ"א), אז די הנהגה דא <u>למטה</u> דארף זיין אין אן אופן פון <u>תפארת</u> לעושי׳, <u>ותפארת</u> לו מן האדם -

איז ווי זאגט מען אז דער איסור פון בשר בחלב איז - עירוב החסדים בגבורות? וכפי שיתבאר לקמן.

- וויבאלד -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

ווײבאלד אז מען רעדט בנוגע צום ענין פון כלאים, איז כאן המקום אויף צו דערמאנען נאכמאל וועגן דעם ענין פון מיהו יהודי, וואס עס שטײט דאך אז הבא על השפחה איז ער עובר בי"ד לאווין, און אײנער פון זײ איז לא הזרע כרמך כלאים (דרך ארץ רבה פ"א).

וואס דאס איז בשעת ער איז בועל בפועל, אבער בדקוה איז דא דער ענין אויך בשעה ער איז מהרס די מחיצה שבין ישראל לעמים, וואס דאס קומט דורך דעם חוק וואס איז דא יעצט, אז עס איז קײן נפק"מ ניט ווער עס האט געמאכט דעם גיור, און אפילו אויב א גוי האט געמאכט דעם גיור העלפט דאס, און בשעת אײנער קומט צופארן פון חו"ל אין לוד (צי אויף אן אנדער גבול) און ער האט א פאפירל אז ער האט זיך מגייר געווען, איז דער פקיד מחויב אים צו פארשרײבן אלס יהודי, און ער טאר בײ אים אפילו ניט פרעגן ווער עס האט אים מגייר געווען! - און דורך דעם איז מען מהרס די מחיצה שבין ישראל לעמים.

און שפעטער קומען די דרײ - פיר מענטשן הידועים און זאגן אז דאס איז א הישג דהי; און אז דאס איז עפ"י הורה וכו׳, ואין פוצה פה ומצפצף! און אדרבה צוליב א פאר פונט וואס ער גיט צו ישיבוה איז מען מסכים צו שווײגן, און מען לאדט אים אײן און מ׳מאכט פאר אים א קבלת פנים, און מ׳קלאפט אים אויף׳ן פלײצע און מ׳איז אים משבח אז ער העלפט ישיבוה, און ער האלט אויף אידישקײט וכו׳, און דאס אלץ איז נאר צוליב א פאר פונט וואס ער גיט פאר דער ישיבה. אזוי האט מען געטאן אין אײן ישיבה, און מען וויל אזוי טאן אין נאך ישיבות, און ער גיט די געלט כדי אז מען זאל שווײגן, און אים משבח זײן אז ער שטיצט ישיבות, און אז ער האלט אויף אידישקײט.

עס איז אסור צו באניצון זיך מיט געלט וואס קומט פון א ענין וואס איז היפך פון קידוש ה׳, בשעת ער זאגט אז גיור וואס ווערט געמאכט דורך א רעפארמער ראבײ, אדער דורך א קאנסערוואטיבער ראבײ (און עד"ז איז פארשטאנדיק, אויך אויב א גוי מאכט דעם גיור - אויב עס איז נאר גיור כהלכה) איז דאס א גוטער גיור, טוט ער דעמולט א ענין וואס איז היפך פון קידוש ה׳.

מען דארף אויף דערויף ניט האבן קײן ב"ד של ע"ב, וגביית עדות וכו׳, ווײבאלד אז ער האט דאס אפגעדרוקט אין די צײטונגען און צענדליק טויזענטער אידן זעען דאס, איז דאס א ענין היפך פון קידוש ה׳, א רעפארמער אדער א קאנסערוואטיבער זײנען פסול לעדות ולכל דבר שבקדושה, און עאכו"כ א ענין פון גיור - צו מאכן א נײע מציאות, אז פון א גוי זאל ווערן א איד - דאס קען ער זיכער ניט מאכן.

און ער איז מפרסם אזא מין זאך, אז אפילו אזא גיור הײסט אויך גיור, וואס דאס איז היפך פון קידוש ה׳, איז בשעת ער גיט געלט צו ישיבוה טאר מען זיך ניט ניצן מיט די געלט. אפילו לדבר הרשות טאר מען זיך ניט ניצן מיט דעם, ובפרט צו ישיבות, וואס מיט די געלט וועט מען מחנך זײן קינדער, און זײ וועלן וויסן אז מען האט גענומען געלט כדי צו שווײגן אויף דעם ענין, אז אך און ווײ צו אזא מין חינוך, בשעה די תלמידים וואס מ׳איז מתנך ווײסן אז פאר געלט פארקויפן זײ אלץ.

און די צרה איז אז אין פוצה פה ומצפצף! ער קען ניט זאגן אז ער וויל ניט אריינגײין אין דעם ענין, מאיזה טעם שיהי׳, ווארום ער איז שוין אין דעם ענין: מ׳ניצט זײן נאמען, און ער איז מפרסם אז ער איז געווען בײ פלוני, און ער האט גערעדט מיט אים, און שפעטער האט ער אים געשריבן בריוו, און ער שטײט מיט אים אין פארבינדונג וכו׳, און ער

- האט -

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u>

האט מיט אים געהאט א קשר קודם הקלקלה ולאחר הקלקלה, ובמילא איז ער דאך אין דעם עניך, ובמילא דארף ער זיכער מוחה זיין.

ווילסט ניט זאגן בלשון ודאי, איז זאג (ע"ד ווי "כי הקנה עבד עברי"), אז אויב עס איז ריכטיג וואס עס איז געשטאנען אין די צייטונגען, אז ער האט געזאגט כך וכך, איז דעמולט ביססו מוחה אויף דערויף, אבער דו דארפסט ניט שווייגן.

עס זיינען דא אזוינע וואס זאגן אז מען דארף ניט מוחה זיין, ווארום זיי זעען אז עס איז דא איינער וואס איז מוחה אויף דעם, און רייסט זיך אויס די הארץ, און די וואס הערן שלאפן, און ניט נאר אז זיי שלאפן שפעטער בשעת עס איז ניטא וואס צו טאן, נאר זיי שלאפן בשעה מעשה, און די ראי': אז זיי טוען גארניט בנוגע לפועל. איז אויב אזוי וואס האט ער וואס צו מוחה זיין - ניט איך שריי, שו"ע שרייט! אידן שרייען! - בשעה א איד וועט דארפן חתונה האבן היינט צי מארגן, וועט ער ניט וויסן ווער איז א גוי און ווער איז א איד.

און דא זעט מען אויף ווי ווייט דער עניך פון שווייגן טויג ניט, פון א מעשה וואס האט פאסירט פאר לערך 25-27 יאר צוריק (איך האב ניט געוואלט דערציילן די מעשה), וואס דעמולט איז געווען די עלי' פון אשכנז צו א"י, און אין דעם פלאץ פון וואנענט זיי זיינען געקומען (דייטשלאנד), איז געווען זייער אסאך נישואי תערובה, און זיי זיינען דאך געקומען אין א"י צוליב די גזירות ושמדות וכו' וואס זיינען געווען אין דייטשלאנד, און די רבנים הראשיים דאז האבן געוואלט מאכן דערפון א טומל, און זוכן א עצה אז זיי זאלן זיך ניט אויסמישן מיט די אידן, מאכן א רשימה, אדער פארשרייבן עפעס אין זייערע פאספארטן. און עס זיינען געווען אזוינע וואס האבן געזאגט אז מען דארף ניט מאכן דערפון קיין טומל, ווארום עס איז ניט כדאי צו פארשעמען די עולים, נאר זיי וועלן דאס מאכן שטילערהייט (נאכאמאל מגייר זיין וכו'), און זיי וועלן מונע זיין אז עס זאל ניט זיין קיין ההערבוה, אבער מען דארף פון דערויף ניט מאכן קיין טומל, און שפעטער זיינען זיי שוין געווען פארנומען מיט אנדערע ענינים (מיט די ילדי טהרן וכו'), און זיי האבן אין דעם גארניט געטאן.

און וואס איז געווארן לפועל - זיי האבן זיך צומישט צוזאמען מיט אידן, און מען ווייס ניט ווער זיי זיינען, און וואו זיי געפינען זיך. זיי האבן זיך דעמולט באזעצט אין א פלאץ וואס ווערט אנגערופן ע"ש פון דעם קיסר ווילהעלם ימ"ש, אבער שפעטער האבן זיי זיך צוביישט מיט אידן, און מען ווייס היינט ניט ווער זיי זיינען,

און עס זיינען דא אזוינע וואס זאגן אז עס שטייט דאך משפחה שנטמעה נטמעה (קידושין עא, א), אבער דאס איז אלץ בנוגע צום עבר, אבער דא איז דאס אן עניך וואס מ'קען מתקן זיין אויף איצטער, מען ווייס ווער עס האט דעמולט עולה געווען, און מ'קען מברר זיין ווער איז די מוטער וכו', אויב מען נועט נאר וועלן זיך פארנעמען מיט דעם, קען מען דאס מברר זיין. עכ"פ פון דאנענט זעט מען ווי שלעכט עס איז בשעה מען שווייגט.

ובפרט אז דאס איז אויך פארבונדן מיטן מצב הבטחוני, ע"ד ווי עס זיינען דא אידן וואס שטייען על הגבולות צו היטן אז עס זאלן ניט ארייןגיין קיין מחבל, און שפעטער וועט מען ניט קענען וויסן וואו ער געפינט זיך, כדי אויף צו זיך היטן פון אים. עד"ז איז דאס אויך בנוגע צו דער מחיצה שבין ישראל לעמים, אז מען דארף היטן אז עס זאלן ניט ארייננגיין קיין גוים,

- און -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

און מען דארף ניט אנקומען צו פונסן וכו', נאר התורה דרכי' דרכי נועם, מ'דארף נאר מסביר זיין אז א גוי איז א גוי, און א איד איז א איד, און ניט אין אן אופן אז מען רייצט זיך מיט איס, ווארום אל ההגרה בגוי קטן, נאר מ'איז אים מסביר אז ס'איז דא א מחיצה בין ישראל לעמים, און א איד טאר זיך ניט מחתן זיין מיט א גוי, און דאס איז ניט נאר א צרה פאר דעם איד, נאר דאס איז אויך א צרה פאר דעם גוי. און מ'זאגט דעם גוי אז עס זיינען דא שבע מצוה בני נח, וואס משה האט זיי מקבל געווען בסיני, און פון זיי ווערן נסתעף נאך כמה מצוה, און איינע פון זיי איז אז גויים טארן זיך ניט קריגן צווישן זיך, ועאכו"כ אז זיי טארן זיך ניט קריגן מיט אידן, און אז מען זאגט דאס צו א גוי איז דאס פועל אויף אים,

און מען דארף ניט רעדן דוקא א פייערדיקע רעדע אין דעם שענסטן ענגליש, און די וואס הערן אים זיינען אים משבח אז ער רעדט א שיינעם ענגליש, אבער אויף'ן תוכן לאכן זיי, דער עיקר איז אז ער רעדט מיט א שיינעם סגנון,

מען דארף ניט רעדן דוקא אין א שיינעם ענגליש, ער קען רעדן פשוט, און אפילו אין אידיש, און אימעצער וועט מתרגם זיין זיינע ווערטער, ווי עס האט געטאן דער ימ"ש'ניק פון אפריקא, וואס ער האט געדארפט רעדן פאר אלעמען, איז ער ניט געגאנגען זיך אויסלערנען ענגליש, נאר ער האט געזאגט אז ער וועט רעדן אין זיין שפראך, און זיי וועלן געפינען א מתרגם וואס וועט זיי מסביר זיין וואס ער זאגט, און אזוי האט ער געטאן לפועל. און ניט דער עיקר איז אז עס זאל זיין א שיינער סגנון, נאר דער עיקר איז דער תוכן, און בשעת מען זאגט צו דעם גוי אזוינע ווערטער, דעמולט איז דאס פועל אויף אים.

ויה"ר אז פון דעם מעמד ומצב וואס זיי געפינען זיך איצטער, וואס זיי זיינען עבדים צו זייערע ביינקלאך, און עס זיינען דא אזוינע וואס זיינען עבדים צו די וואס זיינען עבדים צו זייער ביינקלאך - עבדים לעבדים, זאל זיך בייטן דער מצב, און עס זאל זיין עבדי אתם ולא עבדים לעבדים, און דער אויבערשטער וועט ארויסנעמען כאו"א פון די אידן פון דעם גלות, און אין אן אופן של חסד ורחמים, ווי מען פירט זיך מיט קינדער - בנים אתם לה' אלקיכם, און עס וועט זיין ואתם תלוקטו לאחד אחד, אז דער אויבערשטער וועט נעמען יעדער אידן פארן האנט - אן א כביכול, בביאה משיח צדקנו בקרוב ממש.

ו. בנוגע דעם ביאור אין פירש"י:

דער הכרח וואס רש"י האט אז דער טייטש פון "עבד עברי" איז "אינו אלא עבדו של עברי", וואס דעריבער דארף ער דאס שולל זיין, איז:

וויבאלד אז דא רעדט זיך גלייך נאך מ"ת, וואס מ"ת איז דאך געווען עטלעכע וואכן נאך יצי"מ, וואס בשעת יצי"מ האבן אידן צוגענומען פון מצרים אלע "כלי כסף וכלי זהב ושמלות" (בא, יב, לה), ביז אז עשאוה כמצודה שאין בה דגן כו' (ברכות ט, ב), און דערנאך, נאך קרי"ס איז דאך געווען ביזת הים וואס זי איז גדולה פון ביזת מצרים (רש"י עה"פ בשלח טו, כב), ביז אז ס'האט געדארפט זיין "ויסע משה" (שם) ופירש"י שהסיען בע"כ, האט דאך דעמולט זיכער אלע אידן גארניט געפעלט, און וויבאלד אז בפשטות לייגט זיך צו זאגן אז די מצות וואס אידן זיינען נצטווה געווארן גלייך נאך מ"ת זיינען געווען מצווה וואס זיינען שייך זיי צו מקיים זיין גלייך - קען מען דאך ניט זאגן אז די תורה רעדט אין דער מצוה

- פון -

<u>הנחת הח' בלתי מוגה</u>

פון "כי תקנה עבד עברי" וועגן א מציאות וואס האט ניט קיין ארט, ווארום, כאמור זיינען אלע אידן געווען רייך וכו' און ס'איז ניט געווען שייך אז אימעצער פון זיי זאל זיך פארקויפן פאר אן עבד, ולכן מוז מען זאגן אז "אינו", דער פסוק רעדט מערניט "אלא עבדו של עברי" -

וואס עפי"ז (אז דער פסוק רעדט וועגן "עבדו של עברי") וואלט אויך געווען פארשטאנדיק די שייכות פון "כי תקנה עבד עברי" צו "מ"ה", ווייל אין די עשה"ר שטייט "עבדך ואמתך" (שמות כ, י), וואס דעריבער איז שייך דער דין פון "כי תקנה עבד עברי" גלייך נאך מ"ה.

וואס מצד כל זה מוז מען זאגן "אינו", אז דער פסוק רעדט מערניט "אלא עבדו של עברי",

און דאס קומט רש"י צו שולל זיין, אז אעפי"כ איז דער פירוש - "עבד שהוא עברי".

בשעת רש"י שרייבט אז "אינו אלא כו'", אז דער דין "שש שנים יעבוד" רעדט וועגן אן עבד כנעני, ווערט ביים בן חמש למקרא א קושיא אויף דעם:

ער געדיינקט דאך וואס ער האט געלערנט אין חומש בראשית אז אברהם האט געהאט אן עבד כנעני - אליעזר, און מ'זעט אז אליעזר ווערט דערמאנט אלס עבד אברהם סיי ווען אברהם איז געווען אלט 70 יאר - בברית בין הבתרים (לך לך טו, ב), און סיי ווען מ'האט געזוכט א שידוך פאר יצחק'ן, ווען אברהם איז אלט געווען 137 יאר, ד.ה. מיט צענדליקער יארן שפעטער, וואס אויך דארט האט ער געזאגט "עבד אברהם אנכי" (ח"ש כד, לד), און אברהם האט דאך מקיים געווען די גאנצע תורה - וישמור משמרתי מצותי חוקותי ותורותי (תולדות כו, ה), ביז אפילו שניות לעריות (פירש"י שם), איז ווי קומט דאס אז אברהם האט געהאלטן אליעזר'ן אלס עבד אזויפיל יארן, בשעת ס'שטייט "שש שנים יעבוד"?

און אויף דעם זאגט רש"י: יע דו ביסט גערעכט, ס'איז מאקע שווער פון אברהם אבינו'ס הנהגה מיט זיין עבד, אבער רש"י ווייסט דאך אז דאס איז ניט סתם א הנהגה, נאר ס'איז א מצוה וואס שטייט שפעטער, דעריבער ברייננגט רש"י זיין קושיא פון "והתנחלתם כו'", און ענטפערט אז דאס רעדט זיך בא א לקוח מן העכו"ם, ובמילא איז שוין מובן בנוגע אליעזר'ן וואס ער איז דאך געווען א לקוח מן העכו"ם - משא"כ דא קען מען זאגן אז ס'רעדט זיך ביי א "עבד כנעני שלקחהו מישראל", און אויף דעם איז רש"י ממשיך אז "לא אמרתי אלא באחיך".

דאס וואס רש"י איז מעתיק פון פסוק אויך די ווערטער "כי תקנה" - איז בכדי צו מחזק זיין פירושו אז דא רעדט זיך וועגן "עבד שהוא עברי":

וועט מען עס פארשטיין בהקדם א שאלה וואס ווערט נתעורר בכלל אויף די ווערטער "כי תקנה", דלכאורה זיינען דאס איבעריקע ווערטער; און עס האט געדארפט שטיין "עבד עבדי שש שנים גו'", אזוי ווי מיר זעען בא טריפה אז ס'שטייט גלייך דער דין "ובשר בשדה טרפה לא תאכלו" (כב, ל), איז פארוואס זאגט דער פסוק "כי תקנה"?

אויב מ'לערנט אבער דעם פירוש פון "עבד עבדי" ווי רש"י טייטשט, אז דער עבד אליין איז א עברי איז די זאך מובן: דער אפטייטש פון "כי תקנה" באדייט, אז דאס איז א זאך וואס איז נאך ניטא, ס'קען טרעפן בעתיד אז "תקנה" - און דאס איז מובן אויב עס רעדט זיך וועגן אן עבד שהוא עברי, ווארום אזא מציאות איז דעמולט ניט געווען כנ"ל, ולכן שטייט

- דערויף -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

דערויף דער לשון "כי הקנה". [משא"כ אויב מ'וועט לערנען אז עס רעדט זיך וועגן אן עבד כנעני, איז דאך די זאך שוין דעמולט געווען כנ"ל].

[און דאס וואס מיר געפינען אויך שפעטער דעם אויסדרוק "וכי", איז דאס וויבאלד ס'שטייט שוין איין מאל וכו'].

ובכל זה יובן פארוואס איז רש"י מעתיק אויך די תיבות "כי הקנה" - ווארום פון זיי איז דא נאך א הוכחה לפירושו, כנ"ל.

בנוגע די הערות אויף'ן זוהר:

וועס מען דאס פארשטיין עפ"י המבואר באוה"ת להצ"צ (נ"ך ע' קלב ואילך) עה"פ "כרם הי' לידידי" (ישעי' ה, א), וואס דארטן ברייננגט ער דעם פסוק לא הזרע כרמך כלאים, און איז מבאר דעם טעם אויף דעם, ווארום דאס איז א ענין פון חיבור ב' קצוות הפכיים וואס אין ראוי לחבר אותן כו' כי הוא מערב הכוחות העליונים. און ער איז דארט ממשיך אז אין קדושה געפינט מען דוקא יע הרכבה ומזיגות המדות וההכללות חו"ג, ווייל אין קדושה זיינען דאס ניט קיין צוויי הפכיים, און ס'איז צווישן זיי ניטא קיין אבה'ר פירוד.

וע"ד הענין דעושה שלום במרומיו, צווישן מיכאל וגבריאל, חסד וגבורה, וואס זיי זיינען ניט ממש הפכיים, כי ענין החסד של מיכאל הוא אהבה לא"ס ב"ה, און עד"ז גבריאל"ס יראה היא אליו ית', ד.ה. אז וויבאלד דער תכלית פון ביידן - סיי מיכאל און סיי גבריאל - איז עבודת הוי', זיינען זיי דאך ניט קיין הפכיים.

דערנאך זאגט ער אז דאס איז דער ענין פון ענבי הגפן בענבי הגפן, אעפ"י אז ס'שטייט דער לשון אויף'ן חיבור פון זכר ונקבה, משפיע ומקבל, חסד וגבורה, פונדעסטוועגן ווערן ביידע אנגערופן ענבי הגפן, ווארום ביידע זיינען אין קדושה.

און אזוי ווי דאס איז אין קדושה, אזוי איז דאס אויך אין הנהגות טובות פון מענטשן - טוב שבנוגה, אז עס דארף זיין די הנהגה אין אן אופן פון ההכללות וכו', ודרך כקנה - וואס דאס זיינען מדות דתיקון דוקא.

משא"כ בבשר בחלב ובכלאים כו', וואס דארטן זיינען דאס ב' קצוות, איז דער חיבור פון זיי א איסור.

* * *

אזוי ווי ב'רעדט דאך וועגן זו"נ, משפיע ומקבל כו', וואס דאס איז דאך אויך דער ענין פון עשיר ועני, און אזוי ווי מפקחין על צרכי צבור בשבת (שבת קנ, א), זאל מען מכריז זיין נאכאמאל בנוגע די מלוה מלכה פון דעם גמ"ח.

און ס'איז דאך גדולה גמ"ח יותר מן הצדקה (סוכה מט, ב), ווייל גמ"ח איז גם לעניים וגם לעשירים (שם), וואס אידן זיינען בכלל עשירים, ס'איז מערניט וואס זיי זיינען עניים באותה "שעה", ד.ה. בשעת מ'גיט זיך א קער (שעה בלשון וישע) פון דעם אויבערשטן, ווערט מען אן עני, דאין עני אלא בדעה,

און דורך דער הלואה ווערט דער אויבערשטער א עבד לוה לאיש מלוה, ווארום בכלל דארף דאך דער אויבערשטער מפרנס זיין אלע אידן, און דורך דעם וואס ער גיט ווערט דער אויבערשטער זיינער א לוה כביכול,

- און -

<u>הנחה הה' בלהי מוגה</u>